**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/5/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**שטיצענדיג ערשטע ריספאנדער: גאווערנער HOCHUL וויקלט אויף טרעפונגען פון ניו יארק סטעיט'ס ערשטע ריספאנדער גייסטישע געזונטהייט באדערפעניש אפשאצונג**

***ערשטע פון איר סארט אפשאצונג ווייזט מער פון האלב ערשטע ריספאנדער מאכן מיט הויכע שטאפלן פון סטרעס, אויסגעברענטקייט און גייסטישע געזונטהייט שוועריגקייטן***

***DHSES און SUNY ניו פאלץ צו פרעזענטירן טרעפונגענצו NYS עמערדשענסי פארוואלטונג פארבאנד יערליכע קאנפערענס אין סיראקיוז אויף פעבואר 12***

**בויעט אויף גאווערנער Hochul אנגייענדע באמיאונגען צו פארברייטערן שטיצעדיגע סערוויסעס פאר געזעץ ענפארסירונג און פראנט ליניע באאמטע**

***מער פון 6,000 ריספאנדערס האבן אנטייל גענומען; ליינט די פולע אפשאצונג [דא]()***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אויפגעוויקלט די טרעפונגען פון ניו יארק'ס ערשטע ריספאנדער גייסטישע געזונטהייט באדערפעניש אפשאצונג. די אפשאצונג איז אנטוויקלט געווארן צו בעסער פארשטיין די גייסטישע געזונטהייט-פארבינדענע פראבלעמען צו וועלכע אינדיווידואלן וועלכע ארבעטן אין פובליק זיכערהייט פעלדער זענען אויסגעשטעלט און פארשטערקערן פראגראמען און סערוויסעס פאר די פראפעסיאנאלן. מער פון 6,000 אינדיווידואלן אין געזעץ ענפארסירונג, עמערדשענסי מעדיצינישע סערוויסעס, פייער סערוויסעס, עמערדשענסי פארבינדונג און עמערדשענסי פארוואלטונג פון יעדער ראיאן אין די סטעיט האבן פארענדיגט א פריי וויליגער אנאנימער סורוועי, און פינעף נאכפאלגענדיגע פאקוס גרופע דיסקוסיעס זענען געהאלטן געווארן. די אפשאצונג האט געוויזן מער פון האלב אנטיילנעמער מאכן מיט הויכע שטאפלן פון סטרעס, אויסגעברענטקייט, אנעקזייעטי און דיפרעסיע פארבינדען צו זייער ארבעט, און אז זיי קענען מעגליך נישט זיכן הילף צוליב זייער זארג פון סטיגמא. אלץ טייל פון די 2025 סטעיט פון די סטעיט, גאווערנער Hochul (האקול) האט געמאלדן [פרישע איניציאטיוון צו באשיצן און שטיצן ניו יארק'ס ערשטע ריספאנדער](), אריינגערעכנט אנהייבן אן ערשטע ריספאנדער קאונסעלינג סקאלערשיפ פראגראם צו שאפן א נאכהאלטיגע פייפ ליניע פון גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן אייגענארטיג אויסשטאפירט צו שטיצן די ריספאנדער געמיינדע.

"אונזערע ערשטע ריספאנדערס גייען איבער און ווייטער די רוף פון פליכט צו באשיצן אונזער געמיינדעס - זייער וואוילזיין איז אן אפשפיגלונג פון אונזער געמיינזאמע שטארקייט, און אונז מוזן טוהן אלעס וואס אונז קענען זיי צו שטיצן," **גאווערנער Hochul (האקול) האט געזאגט.** "איך האב אינגעהויבן די ערשטע ריספאנדער גייסטישע געזונטהייט באדערפעניש אפשאצונג צו העלפן אדרעסירן און ווייטער זיך אפגעבן מיט די גייסטישע געזונטהייט קריזיס צווישען אונזער ערשטע ריספאנדער, און איך בין פארפליכטעט צו ווייטער איינווארפן צוימונגען זיך אפצוגעבן און זיי שאפן די רעסארסן זיי דארפן."

אנערקענענדיג די אייגנארטיגע גייסטישע געזונטהייט שוועריגקייטן צו וועלכע ערשטע ריספאנדער זענען אויסגעשטעלט, גאווערנער Hochul (האקול) האט געמאלדן אפאר פרישע איניציאטיוון געצילט צו שטיצן און באשיצן ערשטע ריספאנדער. גאווערנער Hochul (האקול) האט פארגעשלאגען אנהייבן אן ערשטע ריספאנדער קאונסעלינג סקאלערשיפ פראגראם דורך די סטעיט יוניווערזיטעט פון ניו יארק (SUNY) וועלכע וועט העלפן צומאכן לעכער אין קעיר צוליב א מאנגל פון קאונסעלארס באקאנט מיט די ריספאנדער געמיינדע. פינאנציעלע שוועריגקייטן אנטמוטיגן אפט ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער פון גיין לערנען פאר א קאונסעלינג דעגרי, באגרעניצנדיג די צאל גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן וועלכע פארשטייען די פראבלעמען פון אנדערע מאנשאפט מיטגלידער. די איניציאטיוו וועט שטיצן ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער וועלכע גייען לערנען פאר א קאונסעלינג דעגרי, און עס אפפערט אויך קלענערע סערטיפיקאטן אין פעלדער ווי קעיר וואס רעכנט זיך מיט טראומע און פירערשאפט אין שטיצע צווישן קאלעגעס. אין אויסטויש פאר די סקאלערשיפ שטיצע, וועלן אנטיילנעמער זיך פארפליכטן צו דינען אלס קאונסעלארס אין ניו יארק סטעיט, אוועקשטעלנדיג א קביעות'דיגע פלוס פון גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן וועלכע זענען אויסגעשטאט מיט די אייגנארטיגע כלים צו שטיצן די ערשטע הילף קאמיוניטי.

גאווערנער Hochul (האקול) פארשטייט אויך באאמטע מאנגלען קען צוברענגען צו פארמערטע שוועריגקייטן צו ערשטע ריספאנדערס' גייסטישע געזונטהייט. דעס איז פארוואס זי האט פארגעשלאגען אין איר 2025 סטעיט פון די סטעיט צו עלימינירן אפגעלאפענע צוימונגען אין פובליק זיכערהייט אויפנעמונג וועלכע האבן באגרעניצט פובליק זיכערהייט אגענטור'ס מעגליכקייט צו צוציען קוואליפיצירטע קאנדידאטן, אוסשליסענדיג אינדיווידואלן מיט ווערדפולע ערפארונג און פארערגערענדיג באאמטע מאנגלן. גאווערנער Hochul (האקול) וועט מאדערניזירן אקופעישענעל סטאנדארטן צו פארברייטערן וועגן פאר קוואליפיצירטע קאנדידאטן. דאס רעכנט אריין דאס העכערן די עלטער פון רעטייערמענט אין די ניו יארק סטעיט פאליציי (New York State Police) צו 63 און דאס אוועקנעמען די מאקסימאלע עלטער פון 35 פאר רעקרוטירונג צו געזעץ אינפארסירונג, און אזוי אויך דאס ערלויבן איינוואוינער פון אינדרויסן פון ניו יארק צו אפלייען פאר טורמע אפיציר פאסטנס. די ענדערונגען וועלן זיכער מאכן אז אגענטורן קענען אננעמען קאנדידאטן פון א ברייטערע און מער פארשידנארטיגע גרופע אפליקאנטן.

פולע ניו יארקער זענען אויך אויסגעשטעלט צו צוימונגען פון נאכגיין פובליק זיכערהייט קאריערעס צוליב נישט ריכטיג אויסגעשטעלטע טרענירונג פראגראמען און באגרעניצטע געלעגנהייטן צו זיך פאראויסריקן. גאווערנער Hochul (האקול) וועט ארייניגיין אין א שותפות מיט SUNY און מיט די סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק (City University of New York, CUNY) צו גיבן קאלעדזש קרעדיט פאר פובליק זיכערהייט טרענירונג פראגראמען און צו ארייננלייגן די קרעדיטס אלס טייל פון דאס לערנען פאר פולשטענדיגע דעגריס. די באמיאונגען וועלן צוציהען מער קאנדידאטן צו קאריערעס אין פובליק זיכערהייט און צושטעלן געלעגנהייטן פאר די וועלכע ארבעטן שוין יעצט אין פובליק זיכערהייט זיך צו פאראויס רוקן אין די פעלד.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services) קאמיסיאנער Jackie Bray (דשעקי ברעי) האט געזאגט,** "ערשטע ריספאנדערס זענען אויסגעשטעלט צו טראמאטישע סיטואציעס אין זייער פליכט יעדן טאג, וועלכע פירט צו גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען וועלכע אפעקטירט זייער פערזענליכע און פראפעסיאנאלע לעבענס. די אפשאצונג האט אונז געגעבן וויכטיגע בליקן אריין אין די ספעציפישע שוועריגקייטן זיי זענען אויסגעשטעלט צו און וועט אונז העלפן זיי צושטעלן מיט די רעסארסן זיי דארפן צו העלפן זיך אנגיין מיט די סטרעס."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health) קאמיסיאנער דאקטאר Ann Sullivan (ענן סוליבוען) האט געזאגט,** "פארשטיין די עקסטרעמע סטרעס און

אנגעזאמעלטע טראומא אונזער ערשטע רעספאנדער טוהן נארמאל מיטמאכן אויפן דשאב איז א קריטישע אנהייבן פונקט פאר אונז צו אדרעסירן אויסגעברענטקייט און אנדערע נעגאטיווע ווירקונגען זיי טרעפן זיך אן. די אויספרעג און נאכפאלגענדע פאקוס גרופעס דיסקוסיעס האבן אונז צוגעשטעלט מיט קריטישע אינפארמאציע צו קלוגער מאכן אונזער עפארטן צו שטיצן די גייסטישע געזונטהייט באדערפענישן פון די ערשטע רעספאנדער געמיינדע און זייער פאמיליעס."

טייל פון די באריכט'ס הויפט טרעפונגען זענען:

- **סטרעס** איז מיטגעמאכט געווארן דורך מער פון צוויי-דריטל פון ערשטע רעספאנדער (68 פראצענט), נאכגעפאלגט מיט **אויסגעברענטקייט** (59 פראצענט) און **אנעקזייעטי** (52 פראצענט).
- א מערהייט פון ערשטע רעספאנדער האבן באריכטעט אז זיי מאכן מיט סימפטאמען פארבינדען מיט די גייסטישע געזונטהייט צושטאנד **דיפרעסיע** (53 פראצענט) און ארום 4 אין 10 ערשטע רעספאנדער האבן מיטגעמאכט סיפטאמען פארבינדען מיט די גייסטישע געזונטהייט צושטאנד **PTSD** (38 פראצענט).
- **געדאנקען פון זעלבסטמארד** זענען באריכטעט געווארן דורך 16 פראצענט פון ערשטע רעספאנדער, וואס איז פיר מאל העכער פון די אלגעמיינע באפעלקערונג אין ניו יארק סטעיט.
- מער פון 90 פראצענט האבן באריכטעט אז סערוויסעס א שטייגער ווי **אינדיווידואלע טעראפיע, פארפאלק און פאמיליע טעראפיע, און פריינט שטיצע גרופעס** וואלט געהאלפן פארבעסערן ערשטע רעספאנדער גייסטישע געזונטהייט, אויב זיי ואלט געווען אומזיסט און מיט גרינגע צוטריט.
- אבער, 80 פראצענט האבן באריכטעט אז **סטיגמא** איז א הויפט צוימונג צו זוכן הילף, און 78 פראצענט האבן געוויזן אויף נישט אנערקענען די נויט פאר הילף אלץ א צוימונג, צוזאמען מיט 75 פראצענט וועלכע האבן באריכטעט די מאנגעל פון גייסטישע געזונטהייט פראוויידערס וועלכע פארשטיין די געברויכן פון אן ערשטע ריספאנדער אלץ א צוימונג. אין צוגאב, 72 פראצענעט האבן באריכטעט זארגן איבער פריוואטקייט.
- **עמערדשענסי פארבינדונג באאמטע** האבן געהאט צווישען די העכסטע ראטעס פאר סטרעסארס און גייסטישע געזונטהייט ווירקונגען רעלאטיוו צו אנדערע ערשטע ריספאנדער באשעפטיגונג.

**בענדשעמין צענטער ביי SUNY ניו פאלץ דירעקטאר פון עדוקעישען פראיעקטן Robin Jacobowitz (ראבין דדשאקאבאוויץ) האט געזאגט,** "אונז ווילן ארויסדריקן אונזער טיפע דאנקבארקייט צו די מער פון 6,000 ערשטע רעספאנדער איבער ניו יארק סטעיט וועלכע האבן געגעבן זייער צייט און געדאנקען פאר די שטודיע. אונז ווייסן אז עס איז נישט אייביג גרינג צו רעדן איבער גייסטישע געזונטהייט, ספיצעל אין א פראפעסיאנאלע קאנטעקסט. ענקער גרייטקייט צו דיסקוסירן ענקער געדאנקען, מיטמאכענישן און שווערינקייטן העלפט ברענגן דעם קריטישע פראבלעם צו די לעכטיגקייט און וועט פייערן די אינטעראגענטור, איבער די סטעיט באמיהונג צו פארבעסערן שטיצע סטרוקטורן פאר ניו יארק'ס ערשטע רעספאנדער."

**אינסטיטוטיע פאר קאטאסטראפע גייסטישע געזונטהייט ( Institute for Disaster Mental Health) ביי SUNY ניו פאלץ עקזעקעטיווע דירעקאר Amy Nitza (עמי ניצא) האט געזאגט,** "די אפשאצונג טוט דאקומענטירן נישט נאר די ריזן פרייז וואס די ארבעט נעמט פון פון ערשטע ריספאנדער, נאר אויך די סיגניפישע צוימונגען זיי טרעפן אן אין באקומען די הילף זיי דארפן. IDMH איז פארפליכטעט צו צוזאמענארבעטען מיט אונזער מיטארבעטער דורכאויס ניו יארק סטעיט, אריינגערעכנט ריספאנדער אליין, צו אוועקנעמען די צוימונגען און פארזיכערן אז אלע אונזער ערשטע איספאנדער האבן צוטריט צו די שטיצע און קעיר וועלכע ערמעגליכט זיי צו ווייטער דינען זייער געמיינדעס אזוי פיין."

די אפשאצונג איז פאררופן געווארן דורך די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדשענסי סערוויסעס (DHSES) און אויסגעפירט געווארן דורך די סטעיט יוניווערזיטעט פון ניו יארק (SUNY) ביי ניו פאלץ'ס אינסטיטוטיע פאר קאטאסטראפע גייסטישע געזונטהייט און די בענדשאמין צענטער.

גאווערנער Hochul (האקול) האט געמאלדן די אנהייב פון די אויספרעג לעצטע אפריל אלץ א טייל פון איר $1 ביליאן דאלאר גרונטליכע מולטי-יעריגע פלאן צו איבערמאכן די אנגייענדיגקייט פון גייסטישע געזונטהייט קעיר, און DHSES אינטערגעשטריכן די ערשטע טרעפונגען אין מאי. ערשטע רעזולטן פון די אפשאצונג האבן געוויזן אז 80 פראצענט פון אויספרעג-נעמערס האבן מיטגעמאכט נעגאטיווע ווירקונגען צו הייס לעבן צוליב ארבעט, ווען 79 פראצענט האבן באריכטעט נעגאטיווע ווירקונגען צו פיזישע געזונטהייט און 72 פראצענט האבן באריכטעט שוועריגקייטן מיט פאמילע באציונגען.

אלץ א רעזולט פון די אויספרעג, ניו יארק סטעיט ארבעט צו אידענטיפיצירן און פאראויסריקן א טוץ פון וואוילזיין באמיהונגען. צום ביישפיל, אלץ טייל פון איר 2025 סטעיט פון די סטעיט, גאווערנער Hochul (האקול) האט אויפגעדעקט א צאל פון פארשלאגן געצילט צו שטיצן ערשטע רעספאנדער, איינס פון וועלכע נעמט אריין אנבייסן די ערשטע ריספאנדער קאונסעלינג סקאלערשיפ פראגראם דורך SUNY. אין צוגאב, DHSES, די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט ( Office of Mental Health, (OMH) און אנדערע אגענטורן טוהן אין איין ארבעטן צו אידענטיפיצירן און אנבאטן וואוילזיין-פארבינדענע טרענירונג געלעגנהייטן פאר ניו יארק סטעיט'ס ערשטע ריספאנדער. DHSES און OMH טוהן אויך ארבעטן צוזאמען צו אנטוויקלן א טרענירונג אויף ערשטע ריספאנדער קולטורישע קאמפעטענץ פאר גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן.

**גייסטישע געזונטהייט רעסארסן צו העלפן ערשטע ריספאנדער**

ערשטע ריספאנדער וועלכע מאכן מיט גייסטישע געזונטהייט נויט קענען זיכן שטיצע פון א צאל פון עקזיסטירענדע רעסארסן וועלכע זענען פארהאנען.

מערסט וויכטיג, אינדיווידואלן וועלכע מאכן מיט געדאנקן פון זעלבסטמארד אדער מאכן מיט סיי וועלכע סארט גייסטישע געזונטהייט קריזיס קענען רופן, טעקסטן אדער טשעטן מיט די סטעיט'ס 988 זעלבסטמארד & קריזיס לעבענס ליניע. 988 איז גענצליך אומזיסט, פריוואט און פארהאנען 24/7. פארוואלטערט דורך OMH , סיי ווער אין נויט פון סערוויסעס אדער אינטערסירט אין לערנען מער איבער די האטליין קען באזוכן זייער וועבזייטל אויף https://omh.ny.gov/omhweb/crisis/988.html.

אין צוגאב, OMH'ס זעלבזטמארד פארמיידונג צענטער האלט אן איניציאטיוו גערופן CARES UP וועלכע פאקוסירט אויף פארבעסערן די גייסטישע געזונטהייט און וואוילזיין פון געזע ענפארסירונג, פייערלעשער, עמערדשענסי סערוויסעס באאמטע און וועטעראנען. לערנט מער אויף https://nycaresup.com.

DHES האט געארבעט צוזאמען מיט OMH צו פארברייטערן די סטעיט'ס קאטאסטראפע גייסטישע געזונטהייט אנטווארט, וועלכע באשטייט פון סטעיט און לאקאלע שטאב פון לייסענסד פראפעסיאנאלן און וואלונטירן טרענירט צו צושטעלן קריזיס קאונסעלינג און אנדערע גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס צו אינדיווידואלן און ריספאנדער אפעקטירט דורך קאטאסטראפעס און אנדערע קריזיס סיטואציעס.

DHES האט געארבעט צוזאמען מיט די אינסטיטוטיע פאר גייסטישע געזונטהייט (IDMH) ביי SUNY ניו פאלץ צו שאפן א פארוואלטן סטרעס ארבעטקראפט צו העלפן ערשטע ריספאנדער און אנדערע פובליק זיכערהייט באאמטע בעסער אידענטיפיצירן, פארשטיין און פארוואלטן סטרעס. אריגינעל אנטוויקלט פאר DHSES איינגעשטעלטע, די וואקשאפס זענען פארברייטערט געווארן צו אריינעמען

אנדערע סטעיט און לאקאלע אגענטורן. DHSES טוט אויך פארברייטערן טרענירונג ביי די סטעיט אנגעגרייטקייט טרענירונג צענטער (State Preparedness Training Center, SPTC)צו אריינרעמען פריינט שטיצע שטאב טרענירונג פריינט שטיצע שטאב באשטייין פון אינדיווידואלן וועלכע האבן באקומען ספעציפישע טרענירונג צו צושטעלן עמאציאנאלע, געזעלשאפט און פראקטישע סטיצע צו זייער פריינט, ווען געדארפט. אזעלכע שטיצנדע מאנשאפטן ווערן אפט גענוצט אינערהאלב פובליק זיכערהייט ארגאניזאציעס צו העלפן זייערע מיטגלידער זיך ספראווען מיט דזשאב-פארבינדענע סטרעס און נאכגעפאלגנדיג קריטישע אינצידענטן. DHSES איז אויך אין די פראצעדור פון שאפן א פריינט שטיצע שטאב צו דינען אלץ א רעסארס פאר אגענטור איינגעשטעלטע און פאטענציאל אנדערע ערשטע ריספאנדער ארגענעזאציעס. מען קען באקומען מער אינפארמאציע איבער טרעענירונג אויף [DHSES וועבזייטל דא](https://www.dhses.ny.gov).

**איבער די סטעיט אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערזשענסי סערוויסעס**

די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) שטעלט צו פירערשאפט, קאארדינאציע און שטיצע צו פארמיידן, באשיצן פון, זיך גרייטן פאר- רעאגירן צו, זיך ערהוילן פון און פארמינערן קאטאסטראפעס און אנדערע עמערדזשענסיס. פאר מער אינפארמאציע, פאלגט נאך @NYSDHSES אויף Facebook, Instagram און X אדער באזוכט https://www.dhses.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן